# פרשת אמור י"ג - י"ט אייר תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת אמור***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **שמעי' לעוו** הי"ו (חתן הר"ר שמחה פריעדמאן הי"ו), שהתקיים בבית המדרש ראחמיסטריווקא.

אחר הברית נכנס **רבינו שליט"א** לחדרו של **כ"ק האדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א** שע"י הבית המדרש.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ווי אזוי שפירט זיך דער רבי?

**האדמו"ר מראחמיסטריווקא:** ב"ה.

**רבינו:** וקוי ה' יחליפו כח. דער אייבערשטער זאל געבן אסאך כח אי"ה. אזא שיינע עדה דארף מען האבן כח צו פירן.

**האדמו"ר מראחמיסטריווקא:** מען זאל זוכה זיין צו זיין וקוי ה'...

**רבינו:** אויף דעם דארף מען נישט מתפלל זיין. אויף 'יחליפו כח' דארף מען מתפלל זיין.

**האדמו"ר מראחמיסטריווקא:** מען דארף מתפלל זיין אויף דעם וקוי ה'.

**רבינו:** עס איז דא ב"ה, עס האט מדריגות.

אליהו הנביא איז דאך יעצט געקומען ביים ברית, ויבשר לנו בשורות טובות ישועות ונחמות, און אלעס וואס מען דארף האבן. עס איז די וואך ל"ג בעומר, דער זכות פון רבי שמעון. דער רבי איז אמאל געווען פון דאהי אויך, אויף ל"ג בעומר אין מירון?

**האדמו"ר מראחמיסטריווקא:** איין מאל, ווען מען האט חלאקאה'ט אן אייניקל.

**רבינו:** זכותו יגן עלינו. מען זאל האבן אריכת ימים ושנים, לאנגע געזונטע יארן, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה.

**האדמו"ר מראחמיסטריווקא:** אמן. מען זאל הערן בשורות טובות.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ו סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען, אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימתו. די פרשה האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו נאכדעם וואס די שני בני אהרן זענען געשטארבן. און די סיבה איז געווען, בקרבתם לפני ה' וימתו. די מפרשים שטעלן זיך, אז דער 'וימתו' איז איבריג. אז מען זאגט אחרי מות שני בני אהרן, אז עס זענען געשטארבן די צוויי קינדער פון אהרן, בקרבתם לפני ה', איז דאך דאס וימתו, עס איז דאך אחרי מות. וואס גיט די תורה צו 'וימתו', אז זיי זענען געשטארבן.

**עס** איז דא א פסוק אין סוף פון די פרשה (יח-ד), את משפטי תעשו, ואת חקתי תשמרו ללכת בהם, אני ה' אלקיכם. את משפטי תעשו, טוטס מיינע משפטים, ואת חקתי תשמרו, היטס די חוקים, אני ה'. וואס איז דער 'ללכת בהם', וואס איז טייטש צו גיין אין זיי. אוודאי מיינט עס צו גיין אין די חוקים און די משפטים, אז נישט איז דאך נישט דא קיין תשמרו מיט קיין תעשו אויף די חוקים ומשפטים.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. איך האב געזעהן א ווארט פונעם **חפץ חיים** (פרשת עקב). אז אין פרשת עקב איז אויסגערעכנט דריי מאל אין די תורה ללכת בכל דרכיו, מען זאל גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטען, און אייביג איז עס אויסגערעכנט מיט א אנדערן לשון. איין פסוק איז דא (ח-ו), ושמרת את מצות ה' אלקיך ללכת בדרכיו ולירואה אותו, מען זאל גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטען, און מורא האבן פאר'ן אייבערשטען. זאגט ער קודם ללכת בדרכיו, נאכדעם ליראה.

**נאכדעם** איז דא א פסוק (י-יב) ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה את ה' אלקיך, ללכת בכל דרכיו. זאגט ער קודם ליראה, און נאכדעם זאגט ער ללכת בכל דרכיו, און ער גיט צו ולאהבה אותו, ליב האבן דעם אייבערשטען, ולעבוד את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך. ער הייבט אן מיט יראה, נאכדעם ללכת בכל דרכיו, און נאכדעם

אהבה. - סוף פון די פרשה (יא-כב) חזר'ט ער נאכאמאל איבער, דארט הייבט ער אן לאהבה את ה' אלקיכם, ללכת בכל דרכיו, ולדבקה בו. וואס איז די שינוים פון די דריי מאל?

**דער** חפץ חיים זאגט אין קורצן די נקודה דערפון, און איך וועל עס אביסל מער מסביר זיין. אין חיצוניות טוט יעדער יוד א מצוה די זעלבע. יעדער טוט אן די זעלבע תפילין, יעדער עסט די זעלבע מצה, מען שאקעלט דעם זעלבן לולב. עס איז נישט דא קיין חילוק צווישן איין יוד און א צווייטן יוד ווי אזוי מען איז מקיים די מצוה אין חיצוניות. אין פנימיות פון די מצוה, דארט איז שוין דא הונדערטער און טויזענטער מדריגות צווישן א פשוטן יוד, און ערליכע יודען, און צדיקים וקדושים, ווי אזוי מען איז מקיים די מצוה.

**די** התחלה פון קיום המצוות, שטייט אין רמב"ם (הל' תשובה י-א), ווען מען איז מחנך קטנים, קליינע קינדער, זאגט מען, אז מען דארף טון די מצוה ווייל דער אייבערשטער וועט דיר געבן שכר. טו נישט די עבירה, ווייל דו וועסט האבן א עונש דערויף, עס איז דא גיהנום. און ער טוט א מצוה על מנת לקבל פרס, ער וויל האבן דעם שכר, ער דארף נישט קיין גיהנם. ער טוט די מצוה פונעם אייבערשטען פאר זיך, ער זאל עפעס האבן. אזוי ווי א קינד וואס מען זאגט אים, טו נישט אזוי און אזוי, ווייל דו וועסט באקומען א פאטש, היט ער זיך ער זאל עס נישט טון. טו עס וועסטו באקומען א קענדי, טוט ער עס ווייל ער באקומט די קענדי. די התחלה פון עבודת ה', מוז זיין מיט על מנת לקבל פרס. ווען א מענטש איז נאכנישט אויפגעבויט, קען מען נישט רעדן פון מדריגות. און דער רמב"ם זאגט, אז דאס איז עבודת נשים וקטנים, די נשים און קטנים וואס זענען נישט קיין בעלי השגות, איז אזוי דער סדר פון די עבודה. - זאגט דער חפץ חיים, ללכת בדרכיו ליראה אותו, צו גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטען, און צוקומען צוביסלעך ליראה אותו, ביז מען הייבט אן מיט יראה פארן אייבערשטען.

**ווען** א מענטש איז שוין צוגעקומען צו די מדריגה, איז עס נישט גענוג, ער דארף שטייגן צו א העכערע מדריגה. וואס איז די מדריגה וואס קומט נאך יראה? אהבה, ליבשאפט פונעם אייבערשטען. איך טו נישט די מצוה ווייל איך האב מורא פארן עונש, ער טוט נישט די מצוה ווייל ער וועט באקומען שכר אויף די מצוה. אזוי ווי א קינד וואס האט ליב די עלטערן, פאלגט ער די עלטערן וואס זיי בעטן פון אים, נישט ווייל ער וועט באקומען שכר דערויף, צו ווייל ער וועט באקומען אן עונש, נאר אלץ ליבשאפט, ער האט ליב זיינע עלטערן. - דאס איז די צווייטע מדריגה פון אהבת ה'.

**ווען** ער איז שוין צוגעקומען צו די מדריגה פון אהבת ה', איז דא נאך א העכערע מדריגה פון דעם, דביקות בה'. די אהבה איז אזוי גרויס, אז מען ווערט דבוק אינעם אייבערשטען, ער שפירט אז אן דעם רבונו של עולם האט ער גארנישט, און אלעס איז צוגעבינדן נאר צום באשעפער אליין. יעדער דארף ארבעטן, און נישט זיין צופרידן אין די מדריגה וואס ער איז, נאר אלץ פרובירן העכערס און העכערס. און דאס איז די חילוקים וואס איז דא ביי ערליכע יודען אין קיום המצוות. פשוטע יודען זענען מקיים די מצוה ווייל ער וויל נישט האבן קיין גיהנום, ער דארף גן עדן, טוט ער די מצוה. אן ערליכער יוד טוט עס אלץ אהבת ה', און צדיקים קומען צו, צו א מדריגה פון דביקות בה' בשעת מען איז מקיים א מצוה. מען בעהט ודבק לבנו במצותיך, מיט די מצות קען מען צוקומען צו א דביקות פונעם אייבערשטען.

**זאגט** דער חפץ חיים, אז דאס איז מרומז אינעם פסוק. קודם הייבט ער אן ללכת בכל דרכיו וליראה אותו, גיי אין די וועגן פונעם אייבערשטען, דו זאלסט קענען צוקומען קודם צו די ערשטע מדריגה פון יראה. נאכדעם זאגט ער ליראה את ה' אלקיך וללכת בדרכיו ולאהבה אותו, פון די יראה זאלסטו גיין העכער און העכער און צוקומען צו אהבה. דער דריטער פסוק זאגט, לאהבה את ה' אלקיך, ווען דו ביסט שוין צוגעקומען צו אהבה, ללכת בכל דרכיו ולדבקה בו, זאלסטו גיין נאך העכער ביז דו וועסט צוקומען צו דביקות צום אייבערשטען.

**און** די דביקות וואס א יוד קען צוקומען צו דינען דעם אייבערשטען, קען אמאל זיין עד כלות הנפש. דוד המלך דריקט זיך אויס אסאך מאל אין תהלים (פד-ג), נכספה וגם כלתה נפשי, ער האט אזא כסיפה צום אייבערשטען אז עס איז כלתה נפשי, עס גייט אים אויס דער נפש זיך מדבק צו זיין אין באשעפער.

נאר ביי אונז שטייט (ויקרא יח-ה) וחי בהם, ולא שימות בהם (יומא פה:), מען דארף נישט צוקומען צו אזא מדריגה אין דביקות אז מען זאל אויסגיין, נאר וחי בהם, מען זאל לעבן, ולא שימות בהם, נישט אז מען זאל צוקומען אז דער דביקות זאל אים אוועקנעמען פון די וועלט.

**דער אור החיים הק'** (פ' אחרי) זאגט, אז דאס וואס נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן, איז געווען ווייל דעמאלטס בשעת מען האט אויפגעבויט דעם משכן, איז געווען אזא גרויסע גילוי פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער איז אראפגעקומען רוהען דא אונטען, עס איז אראפגעקומען אן אש מן השמים, און זיי האבן געהאט אזא דביקות אינעם אייבערשטען, אז זייער נפש איז אויסגעגאנגען פון דביקות צום באשעפער. בקרבתם לפני ה', זיי זענען נאנט געקומען צום אייבערשטען מיט אזא דביקות, וימתו, אז זיי זענען געשטארבן.

**דער** אור החיים הק' איז עס מסביר און ער זאגט, ביי א צדיק איז דא מיתת נשיקה. וואס מיינט מיתת נשיקה. כביכול דער אייבערשטער איז נושק דעם מענטש, און עס ווערט אזא אהבה צווישן דעם מענטש און דעם אייבערשטען, אז דער נפש איז זיך מדבק אינעם באשעפער. מיתת נשיקה איז א דביקות פונעם מענטש מיטן אייבערשטען, אבער עס הייבט זיך נישט אן פונעם מענטש, נאר ווען עס קומט די צייט, קומט דער אייבערשטער און ער גיט די נשיקה, און ער נעמט צו זיין נפש. זאגט דער אור החיים הק', ביי נדב ואביהוא איז זייער דביקות אינעם אייבערשטען געווען אזוי גרויס, אז זיי זענען געגאנגען אלץ נאנטער און נאנטער, זיי האבן זיך מקרב געווען צום אייבערשטען, ביז זיי זענען געשטארבן.

**זאגט** ער, כאטש זיי האבן געשפירט אז זיי גייען אויס, אבער עס איז געווען ביי זיי אזוי שטארק די ליבשאפט צום אייבערשטען, אז זיי האבן געברענגט אויף זיך די מיתה. עס איז נישט געווען א מיתת נשיקה וואס קומט פונעם אייבערשטען, עס איז געווען א מיתה פון זיי, וואס זיי זענען געגאנגען נאנטער און נאנטער, ביז זיי זענען אויסגעגאנגען. זאגט דער אור החיים הק', בקרבתם לפני ה', זיי זענען אזוי נאנט געקומען צום אייבערשטען, כאטש זיי האבן געשפירט 'וימתו', אז זיי גייען אויס, פון דעסטוועגן דאך זענען זיי געגאנגען ווייטער, ביז זיי זענען צוזאמען אויסגעגאנגען.

**דאס** אז מען זאל קענען צוקומען צו אזא מדריגה, ווילאנג א מענטש איז פארנומען מיט עניני גשמיות, דער חומר גלוסט צו זיינע זאכן, קען נישט זיין קיין בקרבתם לפני ה', מען קען נישט נאנט קומען צום אייבערשטען. נאר ווען א מענטש הרג'ט זיין חומר, ווי די גמרא (ברכות סג:) זאגט, זאת התורה אדם כי ימות באהל (במדבר יט-יד), אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, ווען א מענטש איז ממית זיין גוף פארן אייבערשטען, דער גוף איז מער נישט קיין מעכב, דעמאלטס קען מען צוקומען אז דער נפש זאל האבן א גלוסטונג צום באשעפער עד כלות הנפש.

**זאגט** די תורה, אחרי מות שני בני אהרן, נאכדעם וואס די שני בני אהרן האבן זיך אליין גע'הרג'ט פארן אייבערשטען, זיי זענען אליין געווען זאת התורה אדם כי ימות באהל, זיי האבן זיך אליין ממית געווען פארן אייבערשטען, זיי האבן אוועקגעגעבן זייער גוף פארן באשעפער, נאכדעם האט געקענט זיין בקרבתם לפני ה' וימותו. ווילאנג עס איז נישט געווען קיין אדם כי ימות באהל, קען מען נישט צוקומען צו א מדריגה אז עס זאל זיין בקרבתם לפני ה' וימתו. נאר אחרי מות שני בני אהרן, נאכדעם וואס זיי זענען צוגעקומען, אז זיי האבן מקיים געווען דעם זאת התורה אדם כי ימות באהל, נאכדעם האט געקענט צוקומען בקרבתם לפני ה' וימותו. דאס איז געווען ביי נדב ואביהוא.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, ואל יבוא בכל עת אל הקדש, נישט דאס איז די נקודה וואס דער אייבערשטער בעהט פון אונז, אז מען זאל צוקומען אל הקדש, אז מען זאל צוקומען צו אזא מדריגה פון דביקות ביז כלות הנפש. מען דארף זיין דבוק אינעם אייבערשטען, אבער מיט א גבול, כדי מען זאל קענען שפעטער טון מצות ומעשים טובים.

*

***יום שני פרשת אמור***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר

התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **צבי זאב שפיטץ** הי"ו (בן הר"ר **חיים אלעזר** הי"ו, וחתן הר"ר **ישראל וויינשטאק** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הסעודה השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אמור** אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו (ויקרא כא-א). די מפרשים שטעלן זיך, אז אין דעם אמור אל הכהנים איז נישט דא קיין שום אמירה. אמור אל הכהנים בני אהרן, דו זאלסט זאגען פאר די כהנים, און נאכדעם שטייט נאכאמאל ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו. וואס איז דער דאפעלטער לשון אמור ואמרת.

**מען** וואונטשט אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. די וועלט טייטשט, כשם, אזוי ווי דער נאמען וואס מען האט געגעבן פארן קינד מיט וואס ער איז אריין לברית, דער נאמען זאל אים באגלייטן שפעטער לתורה ולחופה ולמעשים טובים. דער מנהג איז ביי יודען, אז מען גיט א נאמען נאך די עלטערן, טאטע מאמע זיידע באבע, אדער נאך די רבי'ס און צדיקים. וואס איז דער ענין אז מען גיט א נאמען נאך די עלטערן און נאך א צדיק. מען רעדט נישט אין הויכע ענינים, מען רעדט אין פשטות דערפון.

**א** יוד דארף שטענדיג געדענקען פון וואו ער שטאמט, ווער זיין טאטע איז געווען, ווער זיין זיידע איז געווען, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח), אז מען געדענקט ווי אזוי אונזערע עלטערן האבן זיך געפירט, פראבירט מען נאכצוגיין אין זייערע דרכים, מען פראבירט נישט צו טוישן א זאך וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן. ווען מען דערמאנט זיך פון די רבי'ס נאך וועם מען הייסט, גייט מען אין זייערע וועגן, און מען פירט זיך אזוי ווי זיי האבן זיך געפירט. און מיט דעם וואס מען גיט א נאמען פאר א קינד, נאך א טאטע, נאך א מאמע, געדענקט מען שטענדיג, ווען מען רופט דאס קינד ביים נאמען, דערמאנט מען זיך פונעם טאטען, מען דערמאנט זיך פון דער מאמע. און עס איז א חלק פונעם חינוך פונעם קינד, אז דאס קינד זאל געדענקען פון וואו ער שטאמט, און ער זאל גיין אויף דעם וועג.

**די** זעלבע איז ווען מען גיט א נאמען נאך א צדיק, נאך א רבי, כדי ער זאל געדענקען והיו עיניך רואות את מוריך, א מענטש דארף שטענדיג געדענקען זיינע רבי'ס, ער דארף געדענקען ערליכע יודען, און דורך דעם וועט ער זיך פירן ווייטער אויף דעם וועג ווי אזוי זיי האבן זיך געפירט. כשם שנכנס לברית, אזוי ווי דעם נאמען וואס מען האט געגעבן ביים ברית, גיט מען דאך געווענליך א נאמען נאך די עלטערן, נאך די זיידעס, און די רבי'ס וואס מען האט געהאט, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, דאס קינד זאל מיטנעמען דעם נאמען מיט זיך, ער זאל שטענדיג געדענקען פון וואס פאר א שטוב ער קומט, פון וואו ער שטאמט, און אזוי זאל ער זיך פירן שפעטער ביים לעבן.

**חייב** אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי (תנא דבי אליהו פרק כה), א מענטש דארף שטענדיג האפן און שטרעבן, ווען וועלן אנקומען מיינע מעשים צו די מעשים פון די עלטערן. און ווי די וועלט טייטשט אז יגיעו איז נישט נאר דער טייטש אז עס זאל אנקומען, נאר יגיעו איז אויך טייטש א נגיעה, אז עס זאל צורירן. מתי יגיעו מעשי, הלואי זאלן מיינע מעשים צורירן צו די מעשים וואס אונזערע עלטערן זענען געווען. אפילו אונז קען מיר נישט נאכטון אזוי ווי זיי זענען געווען, אבער עס זאל כאטש זיין א נגיעה צו זייערע מעשים.

**ווען** די תורה וויל אנזאגען פאר די כהנים, אז זיי זאלן זיך פירן ערליך, לנפש לא יטמא בעמיו, אז מען זאל זיך נישט מטמא זיין, איז אמור אל הכהנים, די ערשטע זאך וואס מען דארף זאגען פאר די כהנים איז, אז זיי זאלן געדענקען אז זיי זענען בני אהרן, אז זיי זענען קינדער פון אהרן. דאס איז די ערשטע אמירה, אז די כהנים דארפן שטענדיג געדענקן פון וואו אונז שטאם מיר, מיר זענען קינדער פון אהרן הכהן, הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה (אבות א-יב). אז עטץ וועטס געדענקן שטענדיג אז עטץ זענטס בני אהרן, וועט זיין לנפש לא יטמא בעמיו, וועט מען זיך פירן ערליך, און מען וועט זיך נישט מטמא זיין.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

***יום שלישי פרשת אמור***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת שפיערער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **שמחה מנחם שפיערער** הי"ו).

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** פון וואו זענט עטץ פון דער היים.

**הר"ר שמחה מנחם:** מיין טאטע איז געווען פון סענפעטער, און מיין מאמע איז געווען פון סיגוט (בת של הר"ר **יעקב דייטש** ע"ה, אחותו של הר"ר **אליעזר בער דייטש** ע"ה).

**א' מהמשפחה:** רבי יעקב דייטש איז געווען א חסידישער יוד, ער האט נישט געלאזט די קינדער אהיימקומען בין הזמנים. זיי האבן געלערנט אין סעקעלהיד.

**רבינו:** איך קען פארשטיין פארוואס ער האט נישט געוואלט אהיימברענגען די קינדער, ווייל סיגוט איז געווען א ציוניסטישע שטאט פאר די קריג.

**א' מהמשפחה:** דער **עצי חיים** האט געהאט א מעשה, אז עס איז אראפגעפאלען דער מגן דוד (עיין בספר **ומשה היה רועה** ח"א דף קעג).

**רבינו:** נאכן עצי חיים איז נאך שוואכער געווארן די שטאט.

רבי אליעזר בער האט געזאגט אז זיין פאטער האט געלערנט מיטן **ברך משה**.

**הר"ר שמחה מנחם:** דער זיידע האט געהאט א גרויסע געבויטע סוכה, און דארט פלעגט דער מלמד לערנען מיטן ברך משה.

**א' מהמשפחה:** דער זיידע איז געווען א תלמיד מובהק פונעם **קרן לדוד**. ווען ער האט געבויט א הויז אין סיגוט, האט ער ארומגעטראגען דעם קרן לדוד ווייזען די דירה, און דער קרן לדוד האט זיך אפגעשטעלט ביי איין צימער, און ער האט געזאגט, דעם צימער נעם איך פאר מיר. און זייט דעמאלטס איז דער צימער געווען פאר אלע רבנים וואס זענען געקומען דארט. דער חקל יצחק, דער ביקסאדער רב, דער קלויזענבורגער רב, און נאך רבנים.

**רבינו: דער** קרן לדוד האט געוואוסט אז אויב ער וועט עס נישט נוצן פאר זיך, וועט עס זיין א פלאץ פאר געסט.

**א' מהמשפחה:** עס איז דא א מעשה אז דער קרן לדוד איז געקומען ביי די שבעה ווען דער עצי חיים האט פארלוירן א טאכטער, די סלאטפינער רעבעצין, ביי א לידה. און דער קרן לדוד איז געקומען אויפן ברית, און ער האט אים מכבד געווען מיט זאגען די ברכות. דער קרן לדוד איז געווען א בעל בכי, און ווען ער האט געזאגט ביי די ברכות ישמח האם בגן עדן, איז געווען שטארקע בכיות. דער ברך משה האט פארציילט אז ער געדענקט עס.

די משפחה איז געווען זייער נאנט מיטן **עצי חיים**.

**רבינו:** דער **ערוגת הבשם** איז געווען זייער נאנט מיטן **קדושת יום טוב**. דער **צעהלימער רב** האט אמאל געזאגט פארן **סאטמארער רב**, מיר האבן געהאט דעם זעלבען מוהל און סנדק. דער מוהל איז געווען דער ערוגת הבשם, און דער סנדק איז געווען דער קדושת יום טוב.

איך האב געזעהן לעצטענס אויפן סאטמארער רב זצ"ל, אז נאך די קריג אין יאר תש"ו, איז ער געווען אין מירון, און ער האט געזאגט פאר די רעבעצין צוויי זאכען. איינס, אז זי זאל צוזאגען אז אויב זי וועט האבן א קינד, וועט זי א נאמען געבן שמעון. - זעהט אויס אז ער האט געהאלטן די סגולה פאר א אמת'דיגע סגולה. - און צווייטענס, אז זי זאל זיך פארנעמען אז זי וועט יעדעס יאר מאכען א סעודת ל"ג בעומר. - אפילו ביי רבי שמעון איז א ענין א נאמען צו געבן. זיי זענען געווען אזעלכע גרויסע לייט, און פון דעסטוועגן דאך מאכט ביי זיי אויס אז מען גיט א נאמען נאך זיי.

**א' מהמשפחה:** די גמרא (בבא מציעא פד:) זאגט ביי רבי אלעזר בן רבי שמעון, אז ער איז נישט געקומען אין בית המדרש, און ער האט מתיר געווען מיני דמים, און די אלע האבן א נאמען געגעבן נאך אים.

**רבינו:** דאס האבן זיי אליין געטון, אבער דא איז דאך דער טייטש אז רבי שמעון איז מעורר רחמים טאמער מען גיט א נאמען נאך אים. - דאס אז מען האט א נאמען געגעבן, שטייט ביי אהרן הכהן (כלה ג), אז ער האט געהאט אכציג טויזנט קינדער ביי זיין לויה וואס האבן געהייסען אהרן.

**הר"ר וואלף:** דער רב האט אמאל געזאגט, אז אפילו ביי משה רבינו דארף אויך א טובה פאר זיין נשמה.

**רבינו:** דער **בעלזער רב** האט געזאגט, אז מען זאל אנוואונטשען אז די נשמה זאל האבן א עליה. - איז א כל שכן אז לעבעדיגע מענטשן דארפן א עליה.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת קליין שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **מאיר שלום קליין** הי"ו) .

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

*

***יום רביעי פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **שלמה יצחק טובל** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת אמור***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לבקר אצל **הרה"ג רבי שמואל זלמן קליינמאן שליט"א**.

בשעות הערב ערך **רבינו שליט"א** סעודת ל"ג בעומר בבית מדרשינו בוויליאמסבורג. אחר שזימרו זמירות וניגונים לכבוד היום, שר **רבינו שליט"א** הזמר בר יוחאי והזמר ואמרתם כה לחי. אחר כך דרש **רבינו שליט"א** לכבוד היום (נדפס בגליון 'דברי תורה').

*

***יום חמישי פרשת אמור***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יצחק ליפשיץ** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הר"ר ארי' לייבוש ליפשיץ ע"ה).

*

***שבת קודש פרשת אמור***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרמ"א זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ל"ג בעומר). בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **צבי הירש כ"ץ** נ"י.

בדרשת פרקי אבות השמיע **רבינו שליט"א** בתחלת דבריו דברי התעוררות לאור המצב אחר האסון הנורא ל"ע בעיר מירון.

***וזה תוכן הדברים*** *(נעתק מפי השומעים)*:

... **עס** איז שווער צו רעדן, יעדער ווייסט פון די געוואלדיגע אומגליק וואס האט פאסירט אין מירון, ביומא דהילולא פון רבי שמעון בן יוחאי, אין אזא געהויבענע זמן, האט פאסירט אזא אומגליק פון אידישע נפשות, בעיקר יונגע בחורים און אינגעלייט וואס האבן קוים אנגעהויבן זייער לעבן, וויפיל חולי ישראל איז דא וואס דארפן נאך ישועות און רפואות, עס האט פאסירט אין די הייליגסטע שעה'ן וואס מירון האט, בשעת די הדלקה פון תולדות אהרן רבי'ן זאל זיין געזונט, מען פארציילט איך בין נישט דארט געווען, אז עס איז א גרויסע התעוררות בשעת די הדלקה, ער רעדט פארדעם פאר'ן ציבור, ער איז מכניס הרהורי תשובה פאר טויזענטער אידן, מען איז מקבל עול מלכות שמים, מען זאגט פסוקי יחוד, שמע ישראל און ה' מלך ברבים, מען שטייט אין אזא הויכע זמן, אין אזא הייליגע טאג וואס איז אזוי גרויס, און עס האט דאך נישט אפגעהאלטען די חרון אף וואס איז געווען אין הימל, און עס האט פאסירט אזא אומגליק. נסתרים דרכי ה', מיר ווייסן נישט די וועגן פונעם אייבערשטן וואס מען פארלאנגט פון אונז, אבער עפעס פאדערט עס פון אונז, אפילו עס איז געשעהן אין ארץ ישראל אין מירון, רירט עס אהן גאנץ כלל ישראל, וואס פון אלע מקומות זענען צוזאם געקומען דארט.

**מען** איז זיך מתבונן, עס איז אדורך א שווערע יאהר אויף כלל ישראל, הונדערטער אידן זענען דאך אוועק פון די מחלה וואס האט זיך ארום געדרייט, איז נאך צו געקומען שבר על שבר אזא בראך, עס איז צוגעקומען אזויפיל יתומים און אלמנות, און אסאך פארוואונדעטע וואס זענען נאך אין שפיטאל און דארפן א רפואה שלימה. ווען עס האט פאסירט אז א איד איז אוועק פון די מחלה, האט ער געהאט א תירוץ, ער האט געכאפט די ווירוס, ער האט דאס נישט געקענט אדורך טראגען, עס איז נישט ניכר ביי יעדען אז עס איז א יד ה'. אבער דא איז גארנישט געווען, עס האט זיך גארנישט צובראכן, עס איז גארנישט איינגעפאלען, און פון איין מינוט צום צווייטן איז געשעהן אזא אומגליק, דא זעהט יעדער קלאר אז דאס איז געווען א יד ה'.

**דער** סאטמארער רב זי"ע שרייבט אין ספר על הגאולה ועל התמורה מיט פופציג יאהר צוריק, אז ער געדענקט מיט פופציג יאהר פארדעם (בשנת תרע"א) איז אויך געשעהן אזא אומגליק אין מירון ל"ג בעומר, עס איז איינגעפאהלען א שטאק אויף מענטשן, און זענען אומגעקומען מסלתה ומשמנה

פון חרדישע אידן, די חכמי הדור וואס זענען דאמאלטס געווען, גרויסע לייט, האבן זיך צוזאם געזעצט און געטראכט וואס איז געווען די סיבה וואס האט דאס געברענגט, און מען האט דאס תולה גיווען וועגן פריצות, עס פלעגן דעמאלס קומען שוואכערע עלעמענטן פון פארשידענע פלעצער אין מירון, די פריצות איז געווען זייער גרויס, און מען האט גוזר געווען א חרם אז פינעף יאהר זאל קיינער נישט גיין ל"ג בעומר אויפן ציון פון רבי שמעון בן יוחאי, אזוי אז צוביסלעכווייז האט זיך אפגעשטילט די גרויסע געפארעכטץ ל"ג בעומר צום ציון.

**היינט** האבן מיר ליידער נישט די גרויסע צדיקים וואס זאלן קענען זאגן פארוואס דאס האט פאסירט, אבער יעדער איינער ביי זיך דארף משים לב זיין אפשר איז ער שולדיג און האט אויך א חלק דערין. - די עיקר נסיונות פון היינטיגן דור, וואס רירט אהן אין יעדע אידישע שטוב, כל שכן ווען מען רעדט פון יונגע בחורים און יונגע קינדער, די טעכנאלאגישע כלים, וואס איז שווער זיך אכטונג צו געבן, מען שיקט ארום פארשידענע קליפס פון איינעם צום צווייטן, זאכן וואס מען דארף נישט צו זעהן, און מען הערט זאכן וואס מען דארף נישט צו הערן, דאס איז ביי די מענער.

**ביי** די פרויען די ענין פון צניעות גייט פון יאהר צו יאהר מטה מטה, די שייטלען ווערן ערגער און ערגער, לאנגע און צולאזטע שייטלען, מען גייט לעצטענס מיט שייטלען וואס מען רופט לעי"ס שייטלען, איך קען נישט פונקטלעך די נעמען, וואס זעהן אויס ממש ווי די האר פון קאפ, ה' ישמרנו, א געוואלדיגע ירידה ווי אזוי זייערע מאמעס און באבעס זענען געגאנגען, מען זאל צושטעלן די נישט חסידישע באבע איז געגאנגען איידל'ער אנגעטוהן ווי די חסידישע ווייבל איינקעל. מיר קענען נישט מתקן זיין די וועלט, אבער יעדער ביי זיך אין שטוב, איז מחוייב צו טוהן וואס ער קען מתקן זיין זיינע מעשים, און זעהן וואס ער קען מוסיף זיין בגדרי הצניעות. און די אייבערשטער זאל העלפן שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו, און אלע אידן וואס דארפן נאך א רפואה, זאל די אייבערשטער שיקן א רפואה שלימה בקרוב.

# פרשת בהר - בחוקותי כ׳ - כ"ו אייר תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהר - בחוקותי***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו. המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א פתח את המסיבה, וכיבד את **הרה"ג רבי נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א** בדברי ברכה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל סידור מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו וגו׳, ונתתי גשמיכם בעתם (ויקרא כו-ג). עס שטייט אין בעל הטורים, אז א׳ם ב׳חוקותי ת׳לכו איז די ראשי תיבות אב"ת. עס קען זיין א נקודה, די שייכות פון אם בחוקותי תלכו מיט אבות, וואס איז נוגע לענינינו.

**מען** זיצט ביי א חומש סעודה, וואס עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר עלטערן. דער אייבערשטער גיט אז מען האט קינדער וואס ווערן נתחנך לתורה, עס איז דער ערשטער זמן וואס א קינד הייבט אן אריינצוגיין לערנען תורה. כי הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז דער לעבן פון א יוד, אז מען איז מעמיד ערליכע יודישע דורות. מען לעבט אין א דור וואס איז אזוי שווער היינט מחנך צו זיין אויפן ערליכען יודישען וועג, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, ריינע קינדער דארפן אדורכגיין אזעלכע שווערע נסיונות אינעם לעבן, ביז זיי וועלן אויסוואקסען. יעדע טאטע און מאמע וואונטשט זיך צו זעהן ביי די קינדער, אז זיי זאלן שוין אדורכגיין די קינדער יארן, און נאכדעם די בחור׳ישע יארן. עלטערן וואלטן געוואלט, אז מען גיט אריין די קינדער אין תלמוד תורה און אין ישיבה, און מען זאל זיי צוריקגעבן ביי די אכצן יאר א אויסגעבויט קינד אין תורה און יראת שמים און ערליכקייט. הלואי וואלט עס אזוי גרינג געגאנגען. עס איז א געוואלדיגע ארבעט סיי וואס די תלמוד תורה טוט, און שפעטער די ישיבה, וואס העלפן צו לפי המקום ולפי המצב, מען זאל קענען אויסשטייגען. אבער מען קען זיך נישט פארלאזן נאר אז די תלמוד תורה וועט טון די ארבעט, עס פארלאנגט זיך הילף פון די שטוב אויך, וואס אויף זיי ליגט באמת די מצוה פון חינוך, אויף זיי ליגט די מצוה פון ולמדתם אותם את בניכם, די תלמוד תורה זענען נאר שלוחים וואס טוען איבערנעמען די ארבעט, אבער מצוה בו יותר מבשלוחו (קידושין מא.), די שטובער דארפן צוגעבן דערצו אז מען זאל קענען צוקומען צו זעהן שפעטער די שיינע פירות.

**עס** איז נוגע סיי אין סור מרע, און עס איז נוגע אין עשה טוב. - סור מרע, וויפיל קומט אויס אז מען הערט צוריק, אז אין חדר זאגט מען איין זאך, און ווען די קינד קומט אהיים, און ער זאגט עס איבער אין שטוב, מאכט מען א הלצה דערפון, מען מאכט עס אוועק, און אסאך מאל למעשה, אז מען דארף נישט פאלגען וואס מען האט געזאגט, עס איז צו פרום. די עצם דבר אליין איז דאך א זאך וואס מען דארף נישט צו רעדן, עס פאסט נישט. אבער נאך מער, עס צוברעכט די גאנצע כח החינוך וואס מען פרובירט אריינצולייגען אינעם קינד, אז די ווערטער וואס דער מנהל האט געזאגט, איז גארנישט מחייב. אסאך מאל, מיט א קלייניגקייט וואס מען האט אוועקגעמאכט אין שטוב, האט מען אוועקגענומען די גאנצע אויטאריטעט וואס דאס קינד קוקט ארויף דערויף. און כל שכן ווען מען טוט בפועל אנדערש. די תלמוד תורה זאגט איין זאך, דא זאל מען נישט גיין, און דא זאל מען נישט פארן, און מען מאכט זיך נישט וויסענדיג. מען פאלגט נישט, מען טוט יא וואס מען דארף נישט. און די השפעה דערפון גייט זייער טיף.

**אבער** עס איז נישט גענוג, עס דארף זיין עשה טוב. מען דארף צוהעלפן דערצו, אריינלייגען חשקות אין די קינדער צום לערנען, ארויסווייזען אהבת תורה. ווען דאס קינד קומט אהיים, נעמען כאטש אפאר מינוט, שבת ווען מען האט צייט, ווייזען פאר דאס קינד אינטערעסע, נישט אין די שפילצייג אדער אנדערע זאכען, נאר דאס חשיבות פון תורה. וואס האסטו געלערנט? זאג מיר נאך א גוטע זאך, און געבן א שכר אויף וואס דאס קינד האט געזאגט. עלטערן ווייסען שוין ווי אזוי מען קען דאס קינד צוציען. די פאר מינוט וואס מען גיט אוועק פאר א קינד, מאכט זייער אסאך אויס. דאס איז אין פרטיות.

**און** בכלליות, פון א ערליכע יודישע שטוב, וואו די שטוב איז א לופט פון תורה, קומען ארויס וואוילע קינדער. טאמער די לופט פון די שטוב איז נישט תורה'דיג, די לופט פון די שטוב איז א באקוועמע יודישקייט, קאלטע יודישקייט, וואקסען די קינדער אויך אזוי אויס. מען קען נישט ערווארטען אז וואס די שטוב גיט נישט, זאל קענען די תלמוד תורה געבען. די תלמוד תורה קען נאר 'צוגעבען' צו דעם וואס איז דא אין שטוב. כדי קינדער זאלן נתחנך ווערן ווי עס דארף צו זיין, דארף זיין די שטוב באמת א ווארימע שטוב, א שטוב וואו עס שטארט ארויס דער אהבת תורה. ווען די לופט פון די שטוב איז ערליך, וואקסען קינדער אויס ערליך.

*

**מען** בעהט ביים דאווענען, ביי די ברכה פון אהבה רבה, אז דער אייבערשטער זאל געבן שכל, לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה. די ערשטע זאך וואס מען בעהט איז, אז דער באשעפער זאל געבן דעה, אן דעה איז נישט דא גארנישט. לשמוע, מען זאל הערן, ללמוד, ער זאל קענען לערנען פאר זיך, וללמד, און קענען לערנען מיט אנדערע, לשמור ולעשות און אזוי ווייטער. לשמוע איז דאך א מדריגה נאך ללמוד, מען דארף קודם האבן דעה אז מען זאל קענען לערנען, און נאכדעם זאל מען צוהערן וואס מען לערנט. פארוואס פאר אלעם, פאר ללמוד וללמד, הייבט מען אן מיט לשמוע, צו הערן.

**עס** שטייט אין פרקי אבות (אבות ב-ח) רבי יוחנן בן זכאי האט אויסגערעכנט די מעלות פון די תלמידים. האט ער געזאגט אויף רבי יהושע, אשרי יולדתו, וואויל איז די מאמע וואס האט אים געבוירן. עס שטייט אין ברטנורא, און אין די מפרשים אויפן פלאץ, אז די מאמע פון רבי יהושע, האט גענומען דעם רבי יהושע ווילאנג ער איז נאך געווען קליין, אין א קליין וויגעלע, און זי האט אים אריינגעטראגען אין בית המדרש וואו מען איז געזעסן און געלערנט, כדי די אויערן פונעם קינד זאלן הערן תורה. און ער איז אויסגעוואקסען רבי יהושע. און מען האט עס נישט פארדאנקט ווייל ער האט געהאט א גוטע קאפ, צו ווייל ער האט געהאט א גוטע רבי וואס האט מיט אים געלערנט, נאר מען האט ארויסגעברענגט אז רבי יהושע איז אויסגעוואקסען אזוי גרויס, אשרי יולדתו, ווייל די מאמע האט געהאט דעם שכל, אז דאס קינד זאל שטענדיג הערן תורה, דאס קינד זאל נישט הערן עפעס אנדערש נאר לערנען, דאס האט געברענגט אז ער איז אויסגעוואקסען א רבי יהושע. א קליין קינד, ער איז מוטל בעריסה, ער ווייסט אפילו נישט וואס מען רעדט, ער ווייסט אפילו נישט וואס ער הערט, אבער זיינע אויערן זענען אנגעפילט געווארן פון א קול תורה, האט עס געהאלפן שפעטער אז ער זאל אויסוואקסען צו וואס ער איז צוגעקומען. - דאס איז ווען מען הערט תורה.

**און** ווען מען הערט עפעס אנדערש, ווען מען הערט זאכען וואס מען דארף נישט צו הערן. אפילו עס איז נאר דא א קליין קינד אין שטוב, און מען הערט זאכען וואס א קינד אויף די עלטער וואלט נישט געדארפט הערן, די אלע זאכען שטערן שפעטער פארן חינוך פונעם קינד. א קינד וואס איז אנגעזאפט מיט תורה, ער הערט תורה, וואקסט אויס ווי עס דארף צו זיין. אונזערע מאמעס און אונזערע באבעס ווען זיי האבן איינגעוויגט א קינד האט מען אלץ נאר גערעדט פון די זיסקייט פון תורה, און מען האט נישט אנגעצינדען קיין טעיפ, הערן דעם זינגער מיט יענעם זינגער, מען האט נאר גערעדט זאכען פון תורה. אפילו דאס קינד האט נישט פארשטאנען וואס מען זאגט, אבער דאס איז אריין אין די אויערן, און דאס העלפט! דאס ברענגט צו אז עס איז געווען אשרי יולדתו.

**נאך** בעפאר אונז בעהט מיר אז דער אייבערשטער זאל אונז געבן שכל אויף ללמוד וללמד, צו זיצען און לערנען, בעהט מען 'לשמוע', צו הערן. דאס איז נאך פאר ללמוד, בעפאר ער קומט נאך אין חדר לערנען, בעפאר ער קומט נאך הערן וואס מען וויל מיט אים לערנען. דער באשעפער זאל אונז געבן שכל, אז מיר זאלן פארשטיין, אז א יעדע זאך וואס גייט אריין אין די אויערן פון א קינד, וואס ער הערט, טוט ביי אים פועל'ן אויף שפעטער. הערט ער דברים שבקדושה, וואקסט ער אויס הייליג. טאמער פעלט עס, פעלט נאכדעם פונעם חינוך פונעם קינד. אבינו אב הרחמן המרחם רחם עלינו, ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל, וואס זאל מען פארשטיין, לשמוע, קודם זאל מען קענען הערן, און נאכדעם וועט זיין ללמוד וללמד. - די נקודה

דערפון איז, אז די לופט פון די שטוב, וואס דאס קינד הערט אין שטוב, מאכט א רושם אויפן קינד שפעטער ווי אזוי ער זאל נתגדל ווערן.

**אם** בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, אז דו ווילסט זוכה זיין אז דיינע קינדער זאלן זיין עמלים בתורה, זיי זאלן זיין ערליך און זיך פלאגען אויף תורה. 'אבת', דאס איז נישט פונעם חדר, נישט פון די רבי'ס וואס מען לערנט, נאר 'אבת', די טאטע און מאמע עטץ זענטס פאראנטווארטליך אז ענקערע קינדער זאלן זיין עמלים בתורה. אז די לופט אין שטוב וועט זיין ערליך, און מען וועט זיך פירן ווי עס דארף צו זיין, מען וועט נישט הערן אין שטוב זאכען וואס מען דארף נישט צו הערן, מען וועט שטענדיג נאר הערן תורה, מען וועט הערן די חשיבות פון תורה, דאס וועט צוברענגען דערצו, אז די קינדער וועלן זיין שפעטער עמלים בתורה. בכלליות ווי אזוי עלטערן פירן זיך, אטאמאטיש גייט עס אריבער אויף די קינדער. חינוך דארף מען אסאך מאל זאגען פאר א קינד, טוה אזוי און טוה אזוי, אבער דאס וואס עלטערן טוען, אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם, מען דארף נישט זאגען, מען דארף נישט רעדן, מען זעהט אז דער טאטע דאווענט ערליך, דאווענט דאס קינד ערליך. אז ער זעהט ווי דער טאטע לערנט, לערנט דאס קינד. עס איז אסאך מער די הנהגה וואס מען זעהט ביי די עלטערן, וואס עס מאכט א רושם אויף די קינדער שפעטער.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אלע ווילן דאך ערציען ערליכע יודישע דורות, עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר עלטערן, ווען מען הייבט אן צו זעהן די אנהייב פון די פירות. יעצט דארף מען האבן אסאך תפלה, מתפלל זיין צום אייבערשטען טאג נאך טאג, נישט אויסלאזן א טאג וואס מען זאל נישט בעהטן אויף די קינדער. אז דער אייבערשטער זאל זיי חונן דעת זיין אז זיי זאלן זיך פירן ערליך, און נישט נשפע ווערן פון די גאס, מען זאל נישט אוועקפאלן, וואס היינט ליידער ברענגט צו די שטובער וואס מען פאלט אוועק. דער באשעפער זאל געבן כוחות אז מען זאל קענען מגדל זיין דאס קינד, און דאס קינד זאל ציען צו תורה. דער אייבערשטער זאל געבן פאר די עלטערן און די זיידעס און עלטער זיידעס אז מען זאל זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ו סעיף ה') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען די מצוה פון קרבן תודה, וכי תזבחו זבח תודה לה', לרצונכם תזבחו (ויקרא כב-כט), ווען מען ברענגט א קרבן תודה, און מען שחט עס פארן אייבערשטען, מוז עס זיין לרצונכם. עס איז שווער דער פשט אין פסוק וואס דאס מיינט לרצונכם תזבחו. רש"י לערנט אז מען זאל אכט געבן בשעת מען שחט עס, אז עס זאל נישט ווערן פיגול. נאכדעם שטייט אין פסוק, ביום ההוא יאכל, מען זאל עס עסן נאר איין טאג, לא תותירו ממנו עד בוקר, מען זאל נישט איבערלאזן ביז צופרי, אני ה'. זאגט רש"י, אני ה', איך האב גוזר געווען אזוי, און עס זאל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן. פשוט לערנט מען, אז עס גייט ארויף אויף די מצוה אז מען זאל נישט איבערלאזן פון די פלייש פון די תודה ביז צופרי. אני ה', איך האב גוזר געווען אזוי. געוועגליך שטייט אני ה', ביי א זאך וואס מען קען אויסנארן דעם אייבערשטען, שטייט אני ה'. דא איז עס דאך א מצוה ווי אלע אנדערע מצות פון די תורה, אלעס איז אני ה', אלעס האט דער אייבערשטער גוזר געווען אז מען דארף אזוי צו טון. אז דער אייבערשטער האט געהייסען ברענגען א קרבן תודה, און מען מעג עס נאר עסן אין דעם טאג, נישט ווייטער. וואס איז דער אני ה', איך האב גוזר געווען אזוי, און עס זאל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז. א מענטש ברענגט א קרבן תודה, איז דאך ארבעה צריכין להודות (ברכות נד:), ער איז אדורכגעגאנגען א שווערער זמן, ער איז א חולה שנתרפא, ער איז ארויסגעגאנגען מבית האסורים, דארף ער דאנקען דעם אייבערשטען, און ברענגען א קרבן תודה. פון איין זייט דאנקט ער דעם אייבערשטען אז ער איז ארויסגעגאנגען פון די צרה, אבער וויפיל דארף מען

דאנקען דעם אייבערשטען, אז מען איז אינגאנצן נישט צוגעקומען צו די צרה. ער האט נישט געדארפט זיין א חולה שנתרפא, ער איז קיינמאל נישט קראנק געווארן. און וויפיל דארף ער דאנקען דעם באשעפער אז ער איז נישט געגאנגען אין בית האסורים. די וואס גייען אין בית האסורים זענען נישט ערגער ווי די איבריגע, זיי טוען ביידע די זעלבע, נאר דעם האט מען געכאפט און דעם נישט. איז וויפיל דארף ער דאנקען דעם אייבערשטען אז ער איז נישט געגאנגען אין בית האסורים. און פארוואס דער וואס גייט אין בית האסורים דער דארף ברענגען א קרבן תודה, און דער וואס גייט נישט, דארף נישט ברענגען א קרבן תודה.

**מען** דערציילט נאך, אז עס איז געווען אמאל א יוד וואס איז געקומען אין בית המדרש און געברענגט תיקון, און מען האט אים געפרעגט, וואס איז דאס. האט ער געזאגט, אז נעכטען איז ער אדורך די גאס, און א קאר האט אים אראפגעקלאפט, און ב"ה ער האט זיך געקענט אויפהייבן, און קומען אין בית המדרש, דאנקט ער דעם אייבערשטען, און ער ברענגט תיקון. דעם אנדערן טאג קומט א צווייטער יוד אין בית המדרש, און ער ברענגט תיקון. זאגט מען אים, ר' יוד, דו האסט אויך געהאט א עקסידענט נעכטען? זאגט ער, ניין, איך גיי שוין צוואנציג יאר אדורך די גאס, און דער אייבערשטער האט מיר צוואנציג יאר געהאלפן אז איך האב נישט געהאט א עקסידענט, אויף דעם דארף מען אויך ברענגען א דאנק פארן אייבערשטען. - וויפיל דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען, אז עס האט נישט פאסירט, מען גייט צוואנציג יאר אויף די זעלבע גאס, און עס האט אים נישט אראפגעקלאפט א קאר. א תודה ברענגט ער ווען עס האט פאסירט עפעס, און אז נישט, דארף מען נישט ברענגען א תודה?!

**און** די קשיא איז נאך שטערקער, דער אייבערשטער האט אים אריינגעלייגט אין א צרה, און נאכדעם האט ער אים ארויסגענומען, ברענגט ער א קרבן תודה. ער וואלט מוחל געווען, לייג מיך נישט אריין אין די צרה, און נעם מיך נישט ארויס. ער גיט אים א פאטש, און נאכדעם היילט ער אים. דאנקט ער אז ער האט אים געהיילט?! איך דארף נישט די פאטש, און הייל מיך נישט. און די תורה האט מחייב געווען אז מען דארף ברענגען א קרבן תודה.

**דער** פשט דערפון איז, א מענטש גייט אדורך א צרה, אין יסורים בלא חטא (שבת נה.), עס קומט נישט פון זיך אליין. עפעס האט פאסירט, א שווערע זמן, עפעס ווייזט מען דיר פון הימל, האסטו באקומען די יסורים. אמאל איז די יסורים פאר א עונש, דו האסט געזינדיגט, שטראפט מען דיך. און אמאל איז עס צו דערמאנען דעם מענטש, זיך אויפצווועקען, דו זאלסט וויסן, עפעס א זאך איז נישט אין ארדענונג, און דו דארפסט עס מתקן זיין. אזוי שטייט ביי א מצורע, אז טאמער מען זינדיגט, הייבט זיך עס אן מיט נגעי בתים. טאמער ער וועקט זיך נישט אויף פון די נגעי בתים, קומט נגעי בגדים. און אז נישט, קומט עס צום אדם, עס דערמאנט דעם מענטש.

**חייב** אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, א מענטש דארף דאנקען דעם אייבערשטען אויף די רעה אויך, ער דארף עס מקבל זיין בשמחה (ברכות ס:). וואס איז דער שמחה אויפן רעה? ווען א יוד גלייבט אז יעדע רעה וואס דער אייבערשטער שיקט אים, איז אים אויפצווועקן, דו זאלסט וויסן דו האסט געזינדיגט, דו האסט א פראבלעם, און כדי עס זאל נישט קומען אויף דיר ערגערס, דערמאן איך דיר. דאנקט ער אויף די מעסעדז"ש וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן. ווען איינער שטייט ל"ע פאר א גרויסן שאדען, און עס זאל קומען דער חבר און אים זאגען, דא האסטו א לויע"ר, פאר טויזנט דאלער קען ער דיר מסדר זיין אז דו זאלסט עס נישט דארפן אדורכגיין. גייט ער, און ער גיט אוועק די טויזנט דאלער, און ער גיט עס מיט א שמחה. פארוואס, ווייל ער ווייסט אז דאס גייט אים מציל זיין פון א סאך א גרעסערן שאדען. אז ער גלייבט אז די יסורים וואס קומען, איז אים צו דערמאנען, איז ער עס מקבל מיט א שמחה. ער דאנקט דעם רבונו של עולם, דו האסט מיך אויפגעוועקט. ווי איידער איך זאל אוועקגיין פון די וועלט מיט מיינע חטאים, און איך זאל פארלירן א עולם וואס איז לעולם הבא, מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה, דאנקט ער דעם אייבערשטען דערויף.

**דער** אייבערשטער האט געהייסן ברענגען א קרבן תודה ווען א מענטש איז עפעס אדורכגעגאנגען, ווייל ער האט דאך געהאט א קשיא, פארוואס האב איך באקומען דעם עונש, פארוואס האט עס מיר דער אייבערשטער געשיקט. ברענגט ער א קרבן תודה צו

דאנקען, נישט נאר אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט אים יעצט ארויסגענומען פונעם פראבלעם, נאר ער דאנקט דעם אייבערשטען, דו האסט מיך געברענגט אין א פראבלעם, דו האסט מיר דערמאנט אז איך דארף עפעס מתקן זיין, נאכדעם האסטו מיר ארויסגענומען דערפון, איך דאנק דעם אייבערשטען אויףביידע זאכען צוזאמען.

**מען** זאגט יעדן טאג מזמור לתודה צו דאנקען דעם אייבערשטען, במקום פון א קרבן תודה. א ראיה דערויף, ווייל א טאג וואס מען ברענגט נישט קיין קרבן תודה, זאגט מען נישט מזמור לתודה. מען זאגט, דעו כי ה' הוא אלקים, הוא עשנו, ולו אנחנו, עמו וצאן מרעיתו (תהלים ק-ג). 'ולא' האט א קרי מיט א כתיב. 'ולו' מיט א וא"ו איז דער קרי, און 'ולא' מיט א אל"ף איז דער כתיב. דער פסוק זאגט, מזמור לתודה, דו ברענגסט א תודה פארן אייבערשטען, דעו, עטץ זאלטס וויסן, כי ה' הוא אלקים, דאס וואס עס האט פאסירט ביי דיר 'אלקים', דו האסט געהאט א מדת הדין, וואס דאס האט דיר געברענגט אז דו זאלסט ברענגען א קרבן תודה, דאס איז 'ה', דאס איז געווען א חסד פונעם אייבערשטען. פארוואס? ווייל 'ולא' אנחנו עמו, מיר זענען געווען אין א מצב וואס מיר זענען נישט געווען עמו וצאן מרעיתו, און דאס וואס דער אייבערשטער האט מיר געשיקט, איז געווען מיך אויפצוועקן אז איך זאל מתקן זיין מיינע מעשים, אז עס זאל זיין 'ולו' אנחנו עמו. פון א 'לא' וואס איך בין נישט, זאל איך ווערן א 'לו' וואס איז יא.

**ווען** דו ברענגסט א קרבן תודה, דארפסטו זיך נישט אפרעדן פארוואס דער אייבערשטער האט געברענגט די צרה, און נאכדעם דארף איך ברענגען א תודה. נאר וכי תזבחו זבח תודה לה', ווען מען ברענגט א זבח תודה, לרצונכם תזבחו, ברענג עס מיטן גאנצן רצון, ברענגט עס מיטן גאנצן צופרידענהייט. איך בין צופרידן אז דער אייבערשטער האט מיר דערמאנט, און איך בין צופרידן אויף דעם וואס ער האט מיר שפעטער ארויסגענומען, אויף אלעס דאנק איך דעם אייבערשטען. זאגט דער פסוק, ווייל אני ה', אלעס וואס האט פאסירט ביי דיר, איז אלעס פון מדת החסד. אני הוא שגזר אותו, די פראבלעם וואס דו האסט געהאט בין איך דער וואס האט עס גוזר געווען, אל יקל בעיניך, עס זאל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגען, איך דארף ברענגען א קרבן תודה, איך בין מוחל די גאנצע צרה, און איך זאל נישט דארפן האבן א ישועה נאכדעם. דו זאלסט וויסן אני ה', איך האב עס גוזר געווען, און אז איך האב עס גוזר געווען, ברענגסטו א תודה סיי אויף די פראבלעם וואס דו האסט געהאט, און נאכדעם דאנקסטו דעם אייבערשטען סיי אויף דעם וואס ער האט דיר אויפגעוועקט, און סיי אויף דעם וואס ער האט דיר געהאלפן שפעטער.

*

***יום שני פרשת בהר - בחוקותי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **משה יואל שלעזינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של נכדו הרב **ברוך אייכענשטיין** שליט"א וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת בהר - בחוקותי***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יצחק אייזיק ראזענבערג** הי"ו, ולבן הר"ר **יחיאל אביגדור מענדלאוויטש** הי"ו (חתני הר"ר אברהם יעקב פריינד ע"ה), שהתקיים בבית המדרש באיאן. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

*

***יום רביעי פרשת בהר - בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

*

*<u>יום חמישי פרשת בהר - בחוקותי</u>*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*

*<u>שבת קודש פרשת בהר - בחוקותי</u>*

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד בנש"ק החתן **חיים מאיר כ"ץ** ני"ו.

בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי אמונה והתחזקות אחר האסון במירון ביום ל"ג בעומר העעל"ט.

*<u>וזה תוכן הדברים:</u>*

**איך** האב געוואלט רעדן א נקודה וואס איז נוגע צו דעם אומגליק וואס האט פאסירט אין מירון ל"ג בעומר. וויפיל מען טראכט אריין דערין, עס איז דאך זאכן וואס הנסתרות לה' אלקינו, עס איז נישט צום פארשטיין מיטן מענטשליכן שכל, ווי אזוי עס האט פאסירט. און ווי אזוי עס קען זיין, אז אין אזא גרויסען טאג, די הילולא פון רבי שמעון, וואס אלעס ווערט גע'פועל'ט ביי רבי שמעון, וואס בחיים האט ער צוריקגעהאלטן אלע גזירות, אין זוהר הקדוש איז צוגעברענגט צענדליגער מעשיות ווי אזוי ער האט מבטל געווען מיתה פון א שטאט וכדומה, דער מלאך המות האט זיך נישט געקענט אנטקעגן שטעלן פאר אים. און עס זאל קענען פאסירן אין ל"ג בעומר, אין זיין יומא דהילולא, אויף זיין פלאץ, און אין די העכסטע מאמענטן וואס ל"ג בעומר האט, ביי די הדלקה, זאל קענען פאסירן אזא זאך, דאס איז א חלק פון די חוקים וואס אונז פארשטיי מיר נישט, און אונז דארף מיר דאס נישט פארשטיין. פונקט ווי ער פארשטייט, אז ער דארף נישט פארשטיין דעם חוק פארוואס דער אייבערשטער האט אונז געהייסן שעטנז און כלאים, און מען פארשטייט אז אזוי איז עס, און דאס דארף מען צו טוהן, אזוי מוזן מיר נישט פארשטיין די וועגן פונעם אייבערשטער. מען דארף נישט זוכן קיין הסברים, און מען דארף נישט האבן קיין קשיות, ווי אזוי עס קען זיין, אז אין דעם טאג פון די הילולא פון רבי שמעון, וואס יכול אני לפטור את כל העולם מן הדין (סוכה מה:), זאל קענען פאסירן אזא זאך. אונז דארף מיר נישט קיין הסברים, אונז דארף מיר נישט קיין תירוצים דערויף, עס איז אונזער חלק פון אמונה וואס אונז האב מיר אינעם אייבערשטען, דער אייבערשטער האט אזוי פארשטאנען, זענען מיר עס מקבל, אז אזוי האט געדארפט צו זיין.

**דאס** איז נוגע בכלליות, און עס איז נוגע אויך בפרטיות פאר יעדן מענטש. יעדער מענטש האט פארשידענע זמנים, זאכן וואס די הנהגה וואס דער אייבערשטער פירט זיך מיט אים איז ביי אים פארשטענדליך, און אסאך מאל איז דא זאכן וואס ער פארשטייט נישט פארוואס עס האט פאסירט, פארוואס איז זיך עס אים געקומען, פארוואס ער יא און א צווייטער נישט, מען דארף נישט קיין משלים און קיין פרטים דערויף. אבער א יוד איז צו דעם אויסגעשטעלט, אונזער אמונה איז אינעם אייבערשטען, אונז ווייס מיר אז וואס דער אייבערשטער טוט איז אלעס גוט, מאתו לא תצא הרעות (איכה ג-לח), דו פארשטייסט עס נישט? מען מוז נישט אלעס פארשטיין! עס איז דא אסאך חוקים וואס מען פארשטייט נישט, איז דאס פארשטייסטו אויך נישט. החקר אלו-ה תמצא (איוב יא-ז), קען דען א מענטש פארשטיין געטליכקייט וואס דער אייבערשטער טוט, קען מען דען מסביר זיין פאר יעדן קינד פון פינף יאר פארוואס דער טאטע האט אזוי געטון, פארוואס די מאמע האט אזוי געטון? וויפיל דו וועסט אים מסביר זיין, וועט ער עס נישט פארשטיין! ער איז דאך א קליין קינד, ער האט נישט קיין דעת. א בהמה קען דען פארשטיין וואס דער מענטש טוט, עס פעלט אים דער דעת, ער קען עס נישט פארשטיין. אונזער שכל אנטקעגן דעם אייבערשטער איז אסאך ווייניגער ווי א קינד פון פינף יאר, און ווייניגער פון די שכל פון א בהמה, אנטקעגן דעם באשעפער. אונז זיך מיר נישט צו פארשטיין די דרכי ה', אונז וויל מיר נישט פארשטיין. וואס מען פארשטייט, פארשטייט מען. און וואס מען פארשטייט נישט, איז גוט אזוי אויך, אן דעם וואס מען פארשטייט עס.

**עס** איז דא א הייליג ווארט פון איינע פון די צדיקים, ומלתם את ערלת לבבכם וערפכם לא תקשו עוד (דברים י-טז). האט ער געזאגט, ומלתם את ערלת

לבבכם, ווען איר וועט אוועקנעמען דעם ערלת הלב, וערפכם, און איר וועט אוועקנעמען דעם קשה עורף, לא תקשו עוד, וועט איר נישט האבן קיין קשיות מער. די אלע קשיות וואס מען האט, איז נאר ווען עס פעלט דער ומלתם את ערלת לבבכם. ווען א יוד וואלט געווען מזוכך, וואלט ער אלעס פארשטאנען, און ער וואלט אלעס מקבל געווען. וואס דער אייבערשטער טוט, איז מיט א חשבון פון אויבן, אזוי האט געדארפט צו זיין. פארוואס? פארוואן? מען מוז נישט זוכן קיין הסבר, מען מוז עס נישט פארשטיין. און אזוי האט מען אייביג געלעבט, מען האט נישט געדארפט האבן קיין הסבר. מען וויל אויף אלעם האבן א הסבר פארוואס עס האט פאסירט. וואס איז עס דיר א נפקא מינה?! דער אייבערשטער האט אזוי געוואלט! איין זאך דארפסטו וויסן, עס דארף דיך צוברענגען, אז עס איז געקומען פאר עפעס א זאך וואס איז נוגע צו דיר, אז דו דארפסט דיך עפעס טוישן. יא, עס איז דא א חרון אף פונעם אייבערשטען, אבער פארוואס עס האט פאסירט דוקא אויף דעם וועג, און ווי אזוי עס האט פאסירט, דאס איז נישט קיין שום נפקא מינה פאר אונז, דאס איז חשבונות פון אויבן.

**איך** האב גערעדט די וואך צום תולדות אהרן רבי'ן זאל זיין געזונט, [איך וויל עס איבערגעבן פשוט מחזק צו זיין די אמונה], און ער האט מיר געזאגט בתוך הדברים, איך זיץ היינט א גאנצן טאג און איך בין מנחם אבלים, איך רוף אן די אלע וואס זענען אוועק, צובראכענע שטובער, רוף איך אן, איך בין זיי מנחם. זאגט ער מיר, איך גיי ארויס פון התפעלות, ווי אזוי די יודען האבן עס מקבל געווען. ווי אזוי יודען רעדן, מיט וואס פאר א אמונה. טאטעס, מאמעס, פון אלע סארט שטובער, ווי אזוי זיי האבן דאס אויפגענומען, ווי אזוי זיי זענען מקבל די יסורים באהבה, און זיי זענען זיך נישט מתרעם אויף די דרכי ה'. זאגט ער, איך גיי ארויס פון התפעלות ווי אזוי מען רעדט. און ער האט זיך אזוי אויסגעדריקט, ווען דער הייליגער **בארדיטשובער רב זי"ע** וואלט געלעבט היינט, וואלט ער געגאנגען און געטאנצט אויף דער גאס, און ער וואלט געזאגט פארן אייבערשטען, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. וואו איז נאך דא אזא הייליג פאלק, וואס מען האט פארלוירן די בעסטע און די שענסטע וואס מען האט, און מען איז עס מקבל מיט א ליבשאפט.

**עס** האט מיר פארציילט א יוד, וואס האט געהערט, אז איינער וואס האט פארלוירן א חשוב קינד, האט אנגערופן דעם תולדות אהרן רבי'ן, און ער האט אים געזאגט, איך רוף אהן, איך וויל אייך באדאנקען. מיין קינד האט געדארפט אוועקגעבן זיין נשמה פארן אייבערשטען, און איר האט אים געגעבן די געלעגנהייט אז ער האט אוועקגעגעבן זיין נשמה נאך צוויי שעה וואס ער איז געזעסן מיט התעוררות און מקבל געווען עול מלכות שמים, און אזוי האט ער צוריקגעגעבן די נשמה פארן אייבערשטען, און איך וויל אייך דאנקען דערפאר.

**ער** האט געברענגט א נקודה צו פארשטיין, וואס דא האט פאסירט אין א געוויסן זין. אז מען איז זיך מתבונן, א געוואלדיגער חסד ה', וואס דער אייבערשטער האט געטון פאר די אלע הרוגים דארט. עס איז דאך געווען באשערט אז זיי זאלן אוועקגיין פון דער וועלט, קיין שום זאך געשעהט נישט פון זיך אליינס, עס איז געווען מיט א חשבון פון אויבן. אוועקצוגיין געזונטערהייט בדעה צלולה, און זיצן פאר דעם מיט ניגוני התעוררות, ניגונים פון סליחות פון די הייליגע טעג וואס מען האט געזינגען, מיט ווערטער פון התעוררות, וואס איז א חיזוק אין די אמונה, ווערטער פון התעוררות צו תשובה וואס מען האט געהערט, און קבלת עול מלכות שמים, וואס מען האט מקבל געווען דארטן, און נאכדעם גיט מען צוריק די נשמה פארן אייבערשטען, יעדער וואלט זיך געוואונטשן אז הלואי ווען עס קומט די צייט וואס ער דארף צוריקגעבן זיין נשמה פארן אייבערשטען, זאל עס קענען צוריקגיין מיט אזא דערהויבנקייט. מען זאל זיצן מיט א דביקות, נישט זיין קראנק, נאר זיין ביים גאנצן דעת, און ער זאל נאך אפילו נישט טראכטן פון שטארבן, און נאר זיין דבוק אינעם אייבערשטען, און אזוי צוריקגעבן די נשמה, עס איז א געוואלדיגע חסד וואס האט פאסירט.

**און** מיר וועלן עס צולייגן מער. פאר די אלע יודען איז געווען באשערט, עס איז געקומען די צייט וואס זיי דארפן אוועקגיין. און עס איז ליידער א מיתה חטופה, פון איין מינוט אויף די אנדערע האט זיך עס געענדיגט. ווען דאס זאל נישט פאסירן דארט, ווען דאס וואלט דער אייבערשטער געמאכט עס זאל פאסירן יעדער ביי זיך אין די שטאט, עס איז

געקומען זיין צייט, זאל פאסירן אז ער דארף אוועקגיין אזוי פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט, ווי אזוי וואלט ער אוועקגעגאנגען פון דער וועלט? וואלט ער געהאט איין מינוט הרהור תשובה פאר דעם? פון איין סעקונדע אויף די אנדערע סעקונדע טוישט ער דאס לעבן. ער איז דאך געווען געזונט, ער איז דאך נישט געליגן אין בעט פאר דעם, צו קענען אביסל איבערטראכטן זיינע מעשים. זיי זענען געווען אזעלכע דערהויבענע נשמות, דער אייבערשטער האט געטוהן מיט זיי א חסד, ער האט צוזאמענגענומען די אלע נשמות, און ער האט זיי געברענגט אויף איין פלאץ, זיי זאלן קענען זיצן מיט א דביקות אינעם אייבערשטען, און נאכדעם זאלן זיי צוריקגעבן זייער נשמה. דאס איז דער כח פון רבי שמעון! ווען עס איז געווען באשערט זיי זאלן אוועקגיין, וואס די סיבה זאל נאר זיין, אבער זיי זאלן אוועקגיין פון די וועלט מיט אזא דביקות צום אייבערשטען, מיט אזעלכע געגועים צום באשעפער, ווי עס איז געווען דארטן, איז א זאך וואס יעדער יוד וואלט זיך געוואונטשן, אז ווען עס קומט זיין צייט אוועקצוגיין פון דער וועלט, זאל עס זיין אויף דעם וועג. וויפיל חסד ה' ליגט דערין, וואס דער אייבערשטער האט זיי געטון.

**עס** איז נאר א נקודה ארויסצוברענגען א חלק דערפון. וואס אונז פארשטיי מיר יא, וואס אונז פארשטיי מיר נישט, דאס איז א חלק פון חוקי ה', דער אייבערשטער פירט זיך מיט חוקים, און דאס וואס מען איז מקבל די חוקים, דאס ברענגט אראפ רחמים אויף דער וועלט. פונקט ווי ווען א יוד איז מקיים א חוק פון דער תורה, ווי מען האט פריער געזאגט, דאס איז לישנא דמזוני, דאס ברענגט אראפ די השפעות טובות, ווען ער טוט א זאך אהן טעם ודעת. די זעלבע ווען דער אייבערשטער פירט זיך מיט א מענטש אין א געוויסע מדה פון א חוק, וואס ער פארשטייט נישט וואס עס איז געווען, און ער איז מקבל מיט א אהבה דאס וואס דער אייבערשטער האט זיך געפירט מיט אים. דער קבלת אהבה, דער חוק וואס ער האט מקבל געווען א זאך וואס ער פארשטייט נישט. איך האב געשיקט קיין מירון א געזונט קינד, און ער איז אהיימגעקומען אזוי ווי ער איז אהיימגעקומען, און מען איז עס מקבל באהבה, דאס ברענגט אראפ געוואלדיגע השפעות וואס קומען אראפ פון אויבן. דער חוק וואס א יוד איז מקבל אויף זיך ווען ער פארשטייט נישט, דאס איז דער זאך וואס איז משפיע פון אויבן.

**און** עס האט פאסירט, תכלה שנה וקללותיה, די גמרא (מגילה לא:) זאגט, אז עס גייט ארויף אויף עצרת, דא זענען אוועק פינף און פערציג נפשות, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. אין די קללה פון תורת כהנים איז דא פינף און פערציג קללות, אזוי שטייט שוין אין די קדמונים, פינף און פערציג קללות איז אויסגערעכט דא, און צ"ח קללות איז אויסגערעכנט אין פרשת כי תבוא. עס שטייט פון די קדמונים אז יודען האבן מקריב געווען פינף און פערציג פרים פאר קרבנות ציבור אין בית המקדש. דעם גאנצן יאר האט מען מקריב געווען קרבנות צבור פינף און פערציג פרים. און סוכות איז געווען צ"ח כבשים, די צ"ח כבשים איז געווען אקעגן די צ"ח קללות וואס איז דא אין משנה תורה, און די מ"ה פרים איז געווען אנטקעגן די מ"ה פון תורת כהנים. תכלה שנה וקללותיה, אז מען האלט ביים סוף פון א יאר וואס האט געדארפט זיין תכלה שנה וקללותיה, מען לייענט די פרשה פון קללות, איז דער אייבערשטער מקדים, און האט צוגענומען פון אונז פינף און פערציג נפשות משמנה ומסלתה, וואוילע יודען איינס ביי איינס. נישט קיין וואוילע, זיצן נישט דארטן אזא לאנגע צייט ביי אזא הדלקה. דאס איז טייטש עס איז דא א געוויסע דערהויבנקייט וואס די יודען האבן געהאט, וואס זענען געווען דארטן. און דער אייבערשטער האט צוגענומען די מ"ה, זיי זאלן מגין זיין אויף די מ"ה קללות וואס איז אויסגערעכט דא, עס זאל זיין תכלה שנה וקללותיה.

**אין** די גמרא (חולין צב.) שטייט, אז עס איז דא מ"ה צדיקים וואס איז דא שטענדיג אויף דער וועלט, דרייסיג אין ארץ ישראל, און פופצן אין חוץ לארץ. זעהט מען אז עס איז דא מ"ה צדיקים וועלכע זענען מגין אויף דער וועלט. דאס איז דער אם בחוקתי תלכו, ונתתי גשמיכם בעתם, אז א יוד וועט גיין, אפילו ווען עס וועט זיין חוקים, אפילו עס וועלן זיין זאכן וואס איז אומפארשטענדליך מיט אונזער שכל, און יודען וועלן עס טון, און מקבל זיין מיט א שמחה וואס דער אייבערשטער האט געפירט, דאס וועט ברענגען ונתתי גשמיכם בעתם, עס זאל נשפע ווערן חסד פאר יעדעם איינעם. זאלן די הייליגע נשמות וואס זענען ארויפגעגאנגען זיין

מליצי יושר, ועל כולם רבי שמעון זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, מיר זאלן אלע זוכה זיין נישט אוועקצוגיין אזוי ווי זיי, נאר מיר זאלן זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, מתוך שמחה וטוב לבב, אויף דער וועלט, געזונטערהייט. עס זאל זיין תכלה שנה וקללותיה, מען זאל זיך צוגרייטן צו מתן תורה. מען האט שוין געבענטשט ראש חודש, ביום הזה באו מדבר סיני, בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים. עס דארף זיך איבערחזר'ן ביי א מענטש, די וואך גייען מיר אנקומען צו מדבר סיני, מיר גייען זיך צוגרייטן צו קבלת התורה, מען זאל טאקע מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. די תורה זאל משפיע זיין אויף אונז אלע ברכות טובות וואס איז אויסגערעכנט דא אין די פרשה, מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.